# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און ארגאַניזאַציע בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א. ג. פרידנזאָן

| | | | |
|---|---|---|---|
| ב"ה לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | כסלו תרצ"ה | נומער 120 | צוועלפטער יאָרגאַנג |


# תנה לנו אחוזה!

**פאַר** דער אַגודיסטישער וועלט, און נאָך מער פאַר די פירער פון אגודת־ישראל, די גדולי־הדור, קומען מיר אַצינד מיט אונדזער תביעה. מיר, טויזנטער טעכטער פון רעליגיעזן יידישן פאָלק, וואָס גיפינין זייער גאַנצן לעבנס־תוכן אין בנות־אגודת־ישראל, באַנייען אַצינד די אַלטע היסטאָרישע פאָדערונג פון די בנות־ישראל: תנה לנו אחוזה!

די תורה דערציילט אונדז, אַז דעמלט ווען ארץ־ישראל איז דאָס ערשטע מאָל צוטיילט גיוואָרן צווישן די יידישע שבטים, האָבן זיך פאַרזאַמלט די באַוואוסטע בנות־צלפחד און מוטיק אַרויסגישטעלט זייער פאָדערונג: „תנה לנו אחוזה בתוך אחי אבינו" — לאָמיר זיין גלייכבאַרעכטיקט אין דער חלוקה פונים הייליקן לאַנד.

ביים ענין פון בנות־צלפחד גיפינין מי גינוג כאַראַקטעריסטישע מאמרי חז"ל, וועלכע ווייזן אָן אויף די פאַרדינטע רעכט פון דער יידישער טאָכטער דעמלט, וואָס דערפון זענין אַרויסגילערנט גיוואָרן אַ גאַנץ סך יידישע גיזעצן פאַר די רעכט, וואָס די תורה גיט בכלל דער יידישער פרוי.

מיר, די בנות־חברות, וואָס קעמפן כסדר קיגן אַלע פרעמדע אייראָפּעאישע עבודה־זרות, און גייען וויט, ווייט אַוועק פונים גאַנצן היידישן פרעמד־וועלטליכן גיטומל, האָבן זיך ביי אַלע באַמיאונגען מצד די פרייע, נישט גילאָזט אַריינציען אינים פאַרפירערישן כלומרשטן קאַמף פאַר פרויען־רעכט, ווי ער ווערט פאַרשטאַנען אין צביעותדיק געצנדינערישן אייראָפּע.

די יידישע וועלט גידענקט נאָך גוט, דעם מוטיקן ענטפער, וואָס מיר האָבן גיגעבן אויף אונדזער צוזאַמענפאָר אין וואַרשע (ניסן תרצ"א), בעת מ'האָט צו־אונדז גיוואָרפן פראָקלאַמאַציעס, אַז מיר זאָלן מיטמאַכן דאָס צביעותדיקע שפּיל פון קאַמף פאַר פרויען־רעכט. (זע ב"י נומער 70).

מיר, וואָס זענין דערצויגן גיוואָרן אינים גייסט פון אונדזער תורה, האָבן דאָס באַוואוסטזיין, אַז אינים יידנטום איז לגמרי נישטאָ קיין אָרט פאַרן קאַמף וועגן פרויען־רעכט, ווען דאָס יידנטום וועט נאָר שטיין אויפן באָדן פון שמירת־התורה לכל פּרטותי', און דערפאַר קענין אונדז די פאַלשע, אָפּנאַרערישע פראַזן נישט באַוועגן צו בייטן דאָס הייליקע ג־טלעכע גיזעץ.

אבער יעצט איז גיקומען די צייט, ווען מיר מוזן אַנטשיידן מאָנען די פאַקטישע רעכט, וואָס די תורה הקדושה גיט אונדז.

די זעלבע תורה, וואָס איז די הערשערן איבער דער אגודה, הערשט אויך איבער אונדז, די התחייבותן וואָס די תורה לייגט אַרויף אויף אונדז וועלן מיר דערפילן, און צוגלייך פאָדערן מיר די רעכט, וואָס די תורה האָט פאַר אונדז אָנגיצייכנט.

מיר דאַרפן דאָ נישט ווידער אַמאָל דערציילן, וואָס מיר זענין פאַר דער אגודה, ווייל נישט מיר טון דער אגודה וועלכע ס'איז טובה. מיר ליידן, ווען דער אגודה טוט וויי, מיר פרייען זיך, ווען די אגודה איז בשמחה, מיר קעמפן צוזאַמען מיט איר, מיר בויען צוזאַמען מיט איר, — און פון קיין שום חוב וואָס לאַסטעט אויף דער אגודה, באַפרייען מיר זיך נישט.

כהיום, ווען די אַגודה האָט זיך אויסגיקעמפט זכותים פאַר אירע חברים און מיר האָבן איז דעם קאַמף גינומען אַ גלייכן אַנטייל, פאָדערן מיר אונדזערע גלייכע זכותים. אויך היינט קומט פאַר אַ „חלוקה" פון ארץ־ישראל. אונדזערע פירער דעצידירן, ווער ס'זאָל עולה זיין און ווער נישט.

די אגודה האָט סערטיפיקאַטן אין איר רשות און אַ סערטיפיקאַט היינט, איז שיער נישט אַ נחלה — פאָדערן מיר דעריבער אונדזער חלק.

אַגודת־ישראל מוז אויף וועלכן ס'איז אופן מתקן זיין די עוולה וואָס ווערט גיטון דער יידישער טאָכטער אַ דאַנק דעם, וואָס די „דזשענטלמענערישע" גיזעצן זענין אַזוי צוגישניטן, אַז די יידישע טאָכטער קען דערפון אַזוי ווייניק גיניסן.

די גרעסטע צאָל פרויען־סערטיפיקאַטן מוז פאָדערן די אגודת־ישראל, און דאָ קען מין בשום אופן נישט איינגיין אויפן פּראָצענט־טייל לויטן אָפּמאַך פון דער אגודה מיט דער אַגענץ.

צען יאָר גייען מיר צוזאַמען מיט אייך, אַגודיסטן, אין קאַמף פאַר אונדזער אידעאַל. אַ גאַנצע תקופה שוין, ווי אונדזערע שוועסטערן גיבן אַוועק די בעסטע כוחות פאַר אויסלעבן זיך אין יידישקייט און זאָגן זיך אָפּ פון אַלע הפקרדיקע לעבנס־אַרטן. מיר טון דאָס מיט פרייד און גיטרייקייט, מיר טון דאָס ווייל דאָס איז אונדזער לעבנס־אידעאַל, אָבער מיר וועלן נישט מוותר זיין אויף דעם וואָס אונדז קומט, און מיר וועלן נישט נאָכלאָזן פון דעם, וואָס די תורה־הקדושה איז אייך, אַגודה־פירער לגבי אונדז מחייב.

אויף אונדזער היסטאָרישער טענה: תנה לנו אחוזה — דערוואַרטן מיר דעם היסטאָריש־ג־טלעכן ענטפער: כן בנות־אגודת־ישראל דוברות!

רחל בת טובים

